**חנוכת הבית פאַר הערליכן העסק דעי-העב צענטער אין וויליאַמסבורג**

וויליאַמסבורג – די וואָך איז פאָרגעקומען די חנוכת הבית פאַרן שפּאָגל-נייעם, הערליכן העסק דעי-העב צענטער אין וויליאַמסבורג, ערפולנדיג די וואונטש פון וויליאַמסבורגער עלטערן און משפחה מיטגלידער וועלכע קוקן שוין לאַנג אַרויס אַז זייערע קינדער און געשוויסטער זאָלן געניסן פון די וועלט-באַרימטע העסק דעי-העב פּראָגראַם.

די דעי-העב פּראָגראַם איז אַוועקגעשטעלט צו באַשעפטיגן ערוואַקסענע מענטשן – עלטער פון צו זיין אָנגעשלאָסן אין געווענליכע שולע פּראָגראמען – וועלכע האָבן נישט די פולקאָמע כוחות צו זיין געאייגנט פאַר אַ געהעריגע דזשאַב אָדער ישיבה. העסק'ס דעי-העב צענטער צייכנט זיך אויס מיט צושטעלן פאַר די באַטרעפנדע גאָר באַלערנדע און אויפלעבנדע אַקטיווּיטעטן, וועלכע ברענגן זיי אַ הנאה, בעת עס העלפט אויפבויען זייערע קענטעניסן און מעגליכקייטן.

במשך די עטליכע צענדליגער יאָרן וואָס דער העסק צענטער אין פלעטבוש באַדינט דעם ציבור מיט ספּעציעלע געברויכן, האָט העסק זיך ערוואָרבן אַ הערליכע רעפּוטאַציע מיטן באַדינען דעם ציבור מיט געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, נוצנדיג די בעסטע פּראָגראַמען, און פאַרשטייענדיג ווי אַזוי אַמבעסטן אויפצואַרבעטן און אויסשלייפן די מיטגלידער.

צו דערגרייכן דעם תכלית, אויפצואַרבעטן יעדן מיטגליד צו די מאַקסימום מאָס זעלבסטשטענדיקייט, זיי אַריינצוברענגן אין אַ געזעלשאַפט, און אַ טייל פון זיי אָנצוגרייטן אָנצונעמען אַ פאַך, האָט העסק אַ רייע פּראָגראַמען וועלכע זענען צוגעשניטן צו ספּעציפישע פעלער און כאַראַקטערן.

ביים אָננעמען מיטגלידער, זעצן זיך די ערפאַרענע דעי-העב איינגעשטעלטע אַראָפּ מיט יעדן פערזענליך, מיט זייערע עלטערן און פאַמיליע מיטגלידער, זיך צו באַקענען מיט יעדן'ס ספּעציפישע כאַראַקטער, האַביס, און קוואַליפיקאַציעס, צו באַשלוסן וועלכע פּראָגראַם איז דאָס מערסטע צוגעפּאַסט פאַר יעדן פאַל, אַרויסצוברענגן יעדן'ס כוחות הנפש, און וואָס עס וועט דאָס

מערסטע דינען דעם צוועק זיי צו העלפן זיך איינגלידערן אין אַ געזעלשאַפט און געניסן פונעם לעבן.

מיטן נייעם צענטער אין וויליאַמסבורג, וועלן די פּראָגראַמען אויך צוגעשטעלט ווערן פאַרן וויליאַמסבורגער ציבור, אין אַ היימישע אַטמאָספערע, באַזונדער פאַר מענער און פרויען, מיט די גרעסטע מאָס איבערגעגעבנקייט, ליבשאַפט און וואַרימקייט, מיט וואָס דער העסק צענטער איז וועלט באַרימט.

עלטערן וואָס זענען אינטערעסירט אין די דעי-העב פּראָגראַם, און פאַר מער אינפאָרמאַציע, קענען רופן (HASC) 718.599.4272.